

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת בה"ב
תשע"ח לפ"ק
גליון י"ג

## שאלה

### וואס מיינט "טוב מאוד" זה יצר הרע. וואסערע גוטע זאך טוט דער אויבערשטער מיט'ן יצר הרע?

## ענטפער:

די פראגע האט אסאך פרטים, וויבאלד דער יצר הרע האט אויך א רייע פון אויפגאבעס. מיר וועלן נעמען בלויז איין דעטאל וואס מיר האבן גערעדט וועגן דעם יארן צוריק.

איינע פון די גרויסע פארמען פונעם יצר הרע איז די תאוה פאר כבוד. יעצט, וויאזוי קען הקב"ה מאכן נוצן פון דעם פאר גרויסע זאכן? איז די גמרא זאגט "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך" – עס שטייט צוויי מאל א 'בית' אין לבבך, נישט איין בית – לבך. דאס קומט אונז זאגן אז מען דארף דינען דעם אויבערשטן מיט ביידע יצרים, מיט'ן יצר טוב און יצר הרע. וויאזוי דינען מיר השי"ת מיט'ן יצר הרע? עס מיינט אז איך גיי טון זאכן פאר'ן אויבערשטן וויבאלד איך וויל כבוד! עס איז א גוטע זאך צו טון.

"לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות שלא לשמה" – דו זאלסט טון מצות, דו זאלסט צאמנעמען געלט פאר צדקה, פאר ישיבות, בלויז וויבאלד דו ווילסט אז דו ישיבות זאלן מאכן א גרויסן באנקעט אין דיין כבוד, און שעם זיך נישט עס צו זאגן. נעם צוזאם געלט פאר א ישיבה, אדער געב געלט, כדי די ישיבה זאל דיר מאכן אלס א גרויסע אורח הכבוד, יא. זיכער אויב דו קענסט עס טון און אריינשיקן די 25,000$ אן א נאמען, מיט א פאסט-ארדער – דו קענסט נישט שיקן אן אום-אונטערגעשריבענע פריוואטע טשעק אן א נאמען – נאר א פאסט-ארדער, טוה עס. אבער אויב דו גייסט עס נישט טון? איז דערפאר נוץ דעם יצר הרע פון כבוד צו טון גרויסע זאכן.

צו זיצן און לערנען און קענען א פרק גמרא, אדער א גאנצע מסכת, פארלאנגט ארבעט, און דערפאר האבן אסאך מענטשן נישט קיין חשק עס צו טון. אבער ווען דו שפירסט אז פאר כבוד ווילסטו עס טון, דאן טוה עס פאר כבוד. איז דאס איז איינס פון די וועגן אויסצונוצן דעם יצר הרע צו טון גוטע זאכן.

און שעם דיך קיינמאל נישט צו טון גוטע זאכן, אפילו דו האסט אויך אנדערע מאטיוון. זאג נישט - איך וויל עס נישט טון ווייל איך האב זייטיגע סיבות. ווייל אויב דו טוסט עס נישט איז עס א דורכפאל. דער אויבערשטער וויל דו זאלסט עס טון.

## שאלה

### אויב א מענטש האט צוויי סארט לימודים וואס ער קען לערנען אין תורה, איינס האט ער מער הנאה ווי די צווייטע, וועלכע זאל ער לערנען?

## ענטפער:

יעדער ווייסט דעם ענטפער. מיר האבן א כלל: "לעולם ילמד אדם תורה במקום שלבו חפץ" – א מענטש זאל אייביג לערנען תורה אין די נושא וואס זיין הארץ ציעט אים (עבודה זרה י"ט ע"א). אבער לאמיר זאגן ער דארף באשליסן צווישן יא לערנען און נישט לערנען. דאן האט ער נישט קיין אויסוואל. עס מאכט נישט אויס וואס זיין הארץ גלוסט.

אבער לאמיר דיר זאגן עפעס. לאמיר זאגן א מענטש האט א ברירה צווישן לערנען גמרא און לערנען חומש. זייער אסאך מאל, איז דאס אויך נישט קיין אויסוואל. און איך וועל דיר זאגן פארוואס. ווייל עס איז נישט אז ער גלוסט מער חומש; עס איז נישט אז ער וויל שטארק פארשטיין די חומש און לערנען וואס השי"ת פרובירט אים צו זאגן אין די תורה. ניין, עס איז בלויז אז ער גלוסט גמרא נאך ווייניגער... ער זוכט פאר די גרינגע וועג ארויס. ער וויל זיין פויל; ער וויל נישט אריינלייגן די כוחות וואס פארלאנגט זיך צו לערנען גמרא, און חומש איז זיין אויסוועג.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

אבער אויבביידע איז די זעלבע שווער, דעמאלטס זאל ער נוצן דעם כלל פון מה שלבו חפץ אלס זיין מעסטער. ער זאל אויסוועלן די לימוד וואס אינטערעסירט אים מער. דא קומט אריין דער כלל פון לעולם ילמוד אדם תורה במקום שלבו חפץ. און די סיבה איז, ווייל א מענטש וועט מער מצליח זיין אין דעם לימוד וואס אינטערעסירט אים דאס מערסטע. און גארנישט איז אזוי וויכטיג ווי הצלחה אין פארשטיין דעם דבר השם.

## שאלה

## וואס איז אייער מיינונג אויף די וויכטיגקייט פון א היי-סקול צו נעמען זייערע תלמידות אויף א טריפ צו ניאגרא-פאלס?

## ענטפער:

מיין מיינונג איז אז עס איז גארנישט מיט נישט. דו דארפסט פארן אזוי ווייט, אויסגעבן אזויפיל געלט צו זעהן ניאגרא פאלס?

לאמיר זאגן, דא איז דא א פרומע מיידל-שולע. זיי האבן איין טאג פריי, אדער א וואך פריי, סיי-וויאזוי ס'איז. און וואו גייען זיי? צו ניאגרא פאלס. וואס איז דא אין ניאגרא פאלס? אסאך וואסער פאלט אראפ פון א פעלז. עס איז גארנישט! גארנישט מיט נישט!

עס איז נאר דער ייצר הרע. דער ייצר הרע מאכט יעדן אומצופרידן. מענטשן וואס זענען באמת פרייליך מיט וואס זיי האבן איז כמעט אוממעגליך צו טרעפן. זיי קענען זאגן "מיר זענען פרייליך," אבער זיי זענען נישט. און דערפאר, זוכן זיי אלץ עפעס אנדערש. און וועגן דעם פארן זיי צו ניאגרא פאלס. דו קענסט האלטן אנדערש, אבער איך זאג דיר, דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן פארן צו ניאגרא פאלס. עס איז דער ייצר הרע וואס מאכט זיי אומצופרידן. וועגן דעם דארפסטו גיין זעהן ווי וואסער פאלט אראפ פון א שפיץ פעלז. אבער עכט איז עס גארנישט מיט נישט.

זיכער, דו מעגסט אביסל נאכגעבן פארן ייצר הרע, כדי מער מיידלעך זאלן וועלן קומען אין דיין שולע. דו מאכט אן אויספלוג יעדעס יאר, כדי צוצוציען נייע תלמידות. אבער אמת'דיג גערעדט איז עס גארנישט מיט נישט.

## שאלה

## וואס איז אייער מיינונג בנוגע גיין צו מקובלים?

## ענטפער:

קוק, איך האב געהאט א מענטש דא אין די קהלה וואס האט געהאט עפעס א פראבלעם. איז ער געגאנגען צו א מקובל און אים געגעבן פינף הונדערט דאלאר, און דער מקובל האט אים געגעבן אפאר קליינע שטיינדלעך, עס ארומצוטראגן מיט זיך. האב איך אים געזאגט אז ווען ער וואלט אריינגעלייגט די 500$ אין א פושקע צו שטיצן א ישיבה, דאן וואלט עס אפשר געהאלפן. אבער דא, אלעס וואס ער האט געטון איז צו העלפן דעם מקובל באצאלן זיינע בילס... ער איז נישט קיין "מקובל", ער איז א "מקבל"!

יעצט, אויב גייסטו צו א מקובל וואס נעמט נישט קיין געלט פון דיר, דעמאלטס קענען מיר אנהייבן צו טראכטן וועגן דעם. אבער אויב דו האסט א מקובל וואס טוט עס צו מאכן פרנסה, דארף מען אבאכט געבן פון אזעלכע מענטשן. איך דארפט פארשטיין אז עס איז זייער גרינג צו פארנארן מענטשן. זייט נישט קיין נאראנים! דא קומט א מענטש וואס וויל ליינען דיין האנט-פלאך. חכמת היד! ווייסט איר וואס חכמת היד איז? [דער רב האט אויסגעשטרעקט זיין הענד, און געעפנט זיין האנט-פלאך, און געוויזן וויאזוי מען מאכט מיט די האנט ווען מען דארף געלט...] "לייג עפעס אריין אין מיין יד". דאס איז חכמת הידו! וואו טרעפט מען חכמת היד אין די גמרא?! מען טרעפט עס נישט אפילו איינמאל. איז דו דארפסט זיך היטן פון ווערן פארפירט.

## שאלה

## און וואס טוט זיך מיט דיבוקים?

## ענטפער:

איך זעה אז איך האב אסאך פראגעס וועגן דיבוקים היינט. [דער רב האט דורכגעקוקט די שטיקלעך פאפיר מיט די פראגעס, וואס מענטשן האבן ארויפגעשיקט, כדי צו פרעגן אנאנים]. מענטשן פארפאטשקען אסאך צייט מיט דיבוקים. דאס לעבן איז צו קורץ פאר די זאכן. איר דארפט אויסנוצן אייער צייט, אויפצוטון עפעס אין לעבן.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com